# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

שופטים
שנה ב'




## זיך אפהיטן פון מענטשן מיט שוואכע השקפות

**אין** די וואכעדיגע סדרה ליינען מיר א פסוק וואס מיטן ערשטן בליק איז שווער פאר א דעמאקראטישע מח צו פארשטיין אין אונזער היינטיגע פארגעשריטענע וועלט: "**מֵעָרֵי הָעַמִּים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר ה' אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה, לֹא תְחַיֶּה כָּל נְשָׁמָה, כִּי הַחֲרֵם תַּחֲרִימֵם**" (דברים כ, טז-יז) פון די שטעט פון די פעלקער וואס השי"ת דיין גאט געבט דיר פאר אן ארבטייל, זאלסטו נישט לאזן לעבן קיין נשמה, נאר זאלסט זיי מחרים זיין. ווען מען האט זיך געגרייט אריינצוגיין קיין ארץ ישראל איז מען אנגעזאגט געווארן אויסצורייניגן דאס לאנד פון מענער פרויען און קינדער.

פאר די אידן איז נישט געגעבן געווארן די אָפּציע צו לאזן די כנענים בלייבן אינעם לאנד, אפילו אויב זיי וואלטן זיך אונטערגענומען צו זיין פרידליך. הקדוש ברוך הוא האט אונז געווארנט: "**לא תכרות ברית ליושבי הארץ**", זאלסט נישט מאכן קיין פרידליכע אפמאכן מיט די גוים פון לאנד. מיט די גוים אינדרויסן פון ארץ ישראל קענט איר מאכן שלום וויפיל איר ווילט, פארוואס נישט? אבער מיט די כנענים איז נישטא וואס צו רעדן, זיי מוזן ווערן אויסגעראטן אדער פארטריבן ווערן פאר יעדן פרייז! פארוואס האט דער אויבערשטער פארלאנגט פון כלל ישראל, א פאלק פון רחמנים בני רחמנים ארויסצואווייזן אזויפיל אכזריות?

### דער יסוד פון אונזער לעבן

**אפאר** וואכן צוריק האבן מיר געלייענט אין פרשת עקב צוויי וויכטיגע פסוקים וועלכע זענען די יסוד פון אונזער לעבן. אפילו אויב איר וועט דאס איבער'חזר'ן א גאנצן טאג וועט איר נאכאלץ נישט האבן יוצא געווען. "הן להשם אלוקיך השמים ושמי השמים, הארץ וכל אשר עליה" הָאמער, צו השי"ת דיין גאט געהערט די הימלען און די אויבערשטע הימלען, די ערד און אלעס וואס איז אויף איר, וואס וויל דער אויבערשטער ארויסברענגען מיט די ווערטער?

און די ווערטער איז נאר א פארווארט פאר די קומענדיגע ווערטער: **רק באבותיך חשק השם לאהבה אותם**, נאר אין דיינע עלטערן האט דער אויבערשטער געגלוסט זיי צו ליב האבן.

דער אויבערשטער זאגט: די גאנצע וועלט און אלעס ארום איז מיינס, און אין די גאנצע וועלט איז נישטא נאך אזויווי ענקערע אור-עלטערן; נאר אין זיי בין איך אינטערעסירט. "ויבחר בזרעם אחריהם בכם כיום הזה", און ער האט אויסגעוועלט אין זייערע קינדער נאך זיי, אין ענק,

הײנטיגן טאג. דאס ברענגט קלאר ארויס אז דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט פאר אונזערע אור-עלטערן און זייער דורות.

## נישט אלע מענטשן זענען באשאפן געווארן די זעלבע.

**די** תורה זאגט גארנישט איבער די פוילישע, אונגארישע אדער אמעריקאנע, ס'איז נאר דער עם ישראל וואס מאכט אויס. **שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**, ער איז אונזערס, נאר פאר אונז. דער אויבערשטער גלייבט נישט אין דעמאקראטיע, אז אלע פעלקער זענען גלייך. ביי אים איז עס נאר די אידישע קינדער.

איר מוזט עס נישט גיין אויספויקן אין די גאסן פארן פאבלוקום צו הערן... אבער אין די שולן און אין די הייזער דארף מען דאס כסדר איבער'חזר'ן אז מיר זענען די אויסדערוועלטע פאלק. הײנטיגע צייטן ווען מען ארבעט מיט די גוים האנט ביי האנט, מיינט מען אז מען דארף זיי טאלערירן ווי א פאלק וואס זענען בארעכטיגט, און זייער קולטור און לעבנסשטייגער, ניין! מיר דארפן וויסן און געדענקען נאכאנאנד וואס מיר זאגן ביי עלינו, **שלא עשנו כגויי הארצות**, **שהם משתחווים להבל ולריק**, ער האט אונז נישט געמאכט אזוי ווי די גוי'אישע פעלקער, וואס בוקן זיך צו ליידיגקייט און נארישקייט.

## די סיבה פארן חורבן

**אין** ספר שופטים ווערט געברענגט אז די אידן האבן רחמנות געהאט און האבן נישט געוואלט הרג'ענען די גוים. מיר לערנען אבער אז אפילו א מענטשנ'ס עמאציאלע געפילן דארף מען פירן לויט רצון השם.

נישט צו פארלענדן די כנענים איז געווען די גרעסטע אקט פון רחמנות אויף די מענטשן. און ווען עם ישראל האט זיך צוריק געהאלטן פון אויספירן דעם ציווי פון השי"ת זענען זיי נישט אויסגעליבט געווארן פאר זייער רחמנות. און די תוצאות פון דעם איז געווען פאטאל.

ביים סוף פון ספר מלכים פון נ"ך, וואו עס ווערט געשילדערט דעם חורבן פון בית ראשון, שטייט דארט אז דאס האט פאסירט ווייל די אידן האבן נישט פארטריבן די גוים. ס'איז דא וואס זאגן אז דער חורבן איז געקומען וועגן שנאת חנם און אנדערע עבירות, אלעס איז אמת. אבער ביים סוף פון מלכים שטייט אז דער חורבן איז געקומען ווייל מען האט געלאזט די גוי'אישע השפעות פארבלייבן אין ארץ ישראל, און צום סוף האט דאס געהאט א נעגעטיווע השפעה אויף די אידישע שטובער.

אויסצורייסן די רשעים איז נישט צוליב פיינטשאפט ח"ו, פארוואס זאלן מיר האבן עפעס קעגן די גוים? ווילאנג זיי לאזן אונז לעבן און טשעפען אונז נישט, זאלן זיי אלע זיין געזונט און שטארק, אבער למעשה שעדיגן זיי אונז, נישט אייביג אין א פיזישע אופן, זייער שעדליכע השפעה פון זייער קולטור, מאטיריאליזם, און אוממוראלישקייט איז מער שעדליך ווי סיי וועלכע פיזישע אטאקע זיי קענען אונז אנגרייפן. דערפאר זענען מיר מחויב צו נעמען סיי וועלכע שריט וואס איז אין אונזער מעגליכקייט צו פארהיטן עם ישראל.

## וואס זאגט דער רמב"ם

**אין** מורה נבוכים וואו דער **רמב"ם** רעדט ארום איבער די מצוה פון פארלענדן די עבודה זרה פון ארץ ישראל זאגט ער דארט: "ס'איז דער יסוד פון די תורה און

וואס די תורה רעדט ארום איז צו אויסראטן די ליידיגע השקפות און נארישע פירונגען פון די מוחות פון עם ישראל און מאכן אז די פאלטשקייט זאל זיין אוממעגליך צו עקזיסטירן.״

דער אויבערשטער וויל נישט אז מיר זאלן האבן א צומישטע מח. מיר דארפן זיין ריין און קומען צו עולם הבא מיט א קלארע מח. דערפאר זאגט אונז דער רמב״ם אז נישט נאר וואס מען האט געדארפט פארלענדן די געטשקעס און עבודה זרה׳ס, דאס איז נאר געווען א משל וואס דער אויבערשטער וויל פון אונז, אבער למעשה האבן מיר געדארפט צעהאקן אלע פרעמדע השפעות און נייגונגען וואס קריכט אריין אין אונזערע מוחות.

## מגילת קהלת

״הבל הבלים אמר קהלת״ דער סיבה פארוואס שלמה המלך האט צוזאמגעשטעלט די קהלת איז געווען צו אפווענדן די נייגונג פון די דרויסנדיגע וועלט וואס ברענגט ארויס אומוויכטיגע זאכן פאר וויכטיג. אלע גוי׳אישע השפעות פון אונטערהאלטונגען, געלט, אוממוראלישקייט, און זייער גאנצע קולטור איז הבל הבלים, שטותים און גארנישט.

וועלכע סיבה וועט צוזאמען ברענגען טויזנטער גוים אינאיינעם? נישט קיין סיום הש״ס... און אויך נישט צו טון חסד, זיי קומען זיך צוזאמען צו זען א מענטש א ליידיג־גייער האלט א שטעקן און קנאקט א באל. זיין קאפ איז ליידיג, ער האט נישט קיין שום קלוגשאפט, ווען ער איז געווען אין סקול האט מען אים ארויסגעווארפן צוליב זיין נארישקייט, און יעצט ווען ער געבט א קנאק ווערט דער גאנצער עולם משוגע פון עקסטאז... טויזנטער מענטשן קומען זיך צוזאם צו זען די משוגעת׳ן, און די העד ליינס פון די צייטונגען שילדערן דעם געשעעניש אלס די גרעסטע נייעס פון די היסטאריע.

דאס איז וואס ס׳פארנעמט דעם קאפ פון א גוי, און ס׳איז אזוי אריינגעגעסן אין זייער מח אז זיי קענען נישט משיג זיין אז ס׳זענען דא מענטשן וואס זענען נישט די זעלבע נאריש מיט זיי.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון סלאבאדקע בין איך איין טאג געגאנגען אין גאס, איז מיר אנטקעגן געקומען א מענטש, און פונדערווייטנס האט ער געשריגן צו מיר: ״וואס איז די סקעע״ל?״ וואס גייט דאס מיר אן? וואס האט דאס מיט מיר? די סקָא״ר איז זייער וויכטיגסטע זאך אין לעבן, און אזוי איז די גאנצע וועלט עוסק אין הבל...

גוים קומען זיך צוזאם צו אנקלאפן די ביינער איינער פארן צווייטן. דער שטארקער צוזעצט דעם צווייטן וועלכער ליגט אויסגעצויגן א פאר׳חלש׳טער און יעדער פאטשט מיט אומגעהויערע פרייד... מיט וואס איז יעדער אזוי פרייליך? מיט וואס זענען זיי אזוי פארנומען? וואס זענען זייערע יסודות פון זייער לעבן?

ליידער קען מען היינט זען אידישע יונגען וועלכע האלטן מיט די זעלבע הבל ווי די גוים. ביז לעצטנס פלעגן אידן בכלל נישט האבן קיין שייכות מיט די נארישקייטן פון די גוים. די פסוקים וואס ווארענען עם ישראל אויסצוראטן די כנענים ביז צו זייער שורש, איז שטענדיג געווען די פארשריפט ווי אזוי די אידן דארפן זיך באגיין מיט די ארומיגע סביבה. **זאלסט גארנישט האבן קיין שייכות מיט זיי, רייס אויס אלע זייערע השפעות**, דאס איז וואס הקדוש ברוך הוא

האט אונז אנגעזאגט. דאס איז וואס ערווארנט אונז אין די וואכעדיגע סדרה, געבט ענק נישט אונטער צום עולם השקר, און די גאנצע ציל פון די שקר איז ענק צו פרואוון אויב איר וועט זיך אונטערגעבן.

## ווער איז דער קלוגער און ווער דער נאר?

**ווען** דו שמועסט מיט איינעם וועגן די נארישקייט פון די וועלט און יענער קוקט דיר אן מיט קעלבערנע אויגן ווי ער פארשטייט בכלל נישט דיין שפראך, און דו מיט דיין כנעני'שע קאפ מיינסטו אז יענער פארשטייט נישט קיין עסק, זאלסטו וויסן אז ער איז דער נארמאלער, ער פארשטייט צו גוטע זאכן. ער ווערט טאקע נישט פרייליך פון די פארוויילונגען, אבער מיין נישט אז עס פעלט אים א שרויף, ער איז אינגאנצן אנטוויקלט... ער וועט אבער נישט פארשווענדן זיין צייט פאר גארנישט, "**אל תשמח ישראל אל גיל כעמים**" (הושע ד, ו.) די אידן, זאלן זיך נישט פרייען אזוווי די גוי'אישע פעלקער.

## ליצנות אין זיין פלאץ

'**כל** ליצנותא אסורא', א איד זאל נישט מאכן קיין ליצנות און וויצן פון זאכן ווייל דאס איז א געפערליכע מידה. א לץ וועט נישט זוכה זיין צו זען פני השכינה. (סוטה מב ע"א). אבער חז"ל זאגן אונז אז ליצנותא דעבודה זרה איז א מצוה. ווען ס'קומט צו רעדן הויך קעגן נארישקייטן זאלט איר נישט זיין א שוואכלינג. איר זאלט זיין שטארק קעגן שלעכטיגקייט, אזוווי דוד המלך זאגט: "**אוהבי ה' שנאו רע**", ליב־האבער פון אויבערשטן, האט פיינט שלעכט (תהלים צא, י.)

ס'זענען דא מענטשן וואס ווילן זיך צוכאפן צו דעם געדאנק ווען מ'קען מאכן "געשמאקע" מחלוקת. זיי ווילן פלוידערן שעות אויפן טעלעפאן און פארדאמען ווער ס'קומט זיי אויפן צונג, אבער ווען ס'קומט צו רעדן קעגן רשעים וועט דאס זיי גאנץ ווייניג קימערן.

מען דארף זיין פארזיכטיג ווען מען באשמוצט און ווער ס'איז שיין אין אונזערע אויגן. די פאליטיקאנטן זענען שמוציגע גוים וואס טוען זיך אן שיין און רעדן ארנטליך נאר ווייל זיי ווילן אז מיר זאלן שטימען פאר זיי, און מיר מענטשן באגרייפן נישט ווי מיאוס זיי זענען.

מיר דארפן אכטונג געבן וואס מיר טוען, '**כל ליצנותא אסורא, בר מליצנותא דעבודה זרה**', יעדע ליצנות איז אסור, אויסער די ליצנות פון עבודה זרה. (מגילה כה ע"ב). צו פארדאמען פאלשקייט איז א מצוה, "עוזבי תורה יהללו רשע ושומרי תורה יתגרו בם" (משלי כח, ד).

מיר דארפן נישט ארומגיין און זוכן קריגערייען מיט רשעים, אבער מען דארף יא רעדן קעגן זיי צו די בני בית, קינדער און חברים און סיי ווער ס'וויל אייך אויסהערן. ווי מער איר וועט בארעדן די רשעים אלץ מער וועט איר האבן א ריינעם מח פאר עבודת השם.

## אברהם אבינו טיילט זיך אפ פון צדיקים

**מען** דארף פארשטיין אז אפילו פון ערליכע אידן דארף מען זיך אפטיילן אין געוויסע פעלער. אברהם אבינו האט געהאט א פאליסי צו זיין אפגעשיידט פונעם המון עם. ער וואלט זיך געקענט באזעצן אין די שטאט 'שלם', דארט וואו מלכי צדק האט געוואוינט. מלכי צדק איז געווען א פיינער מענטש, אפילו א צדיק, מען וואלט ווען שיין אויפגענומען אברהם אבינו דארט אין שטאט, אבער ער האט

אויסגעוועלט צו בלייבן אפגעזונדערט פון מענטשן, אברהם אבינו האט געוואוינט אליינס אין זיין געצעלט.

פארוואס? ווייל פאר אברהם אבינו איז נישט געווען גענוג וואס ער איז אן ארטאדאקסישער איד, דאס וואלט געווען פאר אים זיין גרעסטע דורכפאל. ער האט געהאט אסאך גרעסערע פלענער פאר זיין לעבן, ער האט געוואלט זיין אן עובד השם, דאס וואלט אבער געווען אוממעגליך פאר אים אויסצופירן אויב וואלט ער געהאט פשוט'ע ארטאדאקסישע אידן דרייען זיך אין זיין געגנטוואַרט. ווי אזוי האט אברהם אבינו מצליח געווען צו זיין וואס ער איז געווען? דורכ'ן זיך נישט צוהערן צו זיין סביבה. דורכ'ן זיך פירן זיין אייגנארטיגע לעבן.

מענטשן גייען צו מלוה מלכה'ס צו פארברענגען מיט אנדערע וואס זענען ווייט פון זייער מדריגה, און מען פארברענגט דארט די צייט מיט ליידיגקייט. אויב א איד וויל עפעס מאכן פון זיין לעבן זאל ער זיך אפשאקלען פון פארברענגעכצער, איר זאלט זיין מער פארגעשריטן פון אייער סביבה. צו קענען אויפוואקסן עפעס דארף מען נאכגיין די פוסטריט פון אברהם אבינו וואס האט געפירט זיין לעבן אין "התבודדות". דאס איז די בעסטע וועג צו היטן די מח פון נעגאטיווע מחשבות וואס די כנענים, אמעריקאנער און ארטאדאקסן ברענגען מיט זיך.

## התבודדות ביי זיך אינדערהיים

**די** נביאים פון אמאל פלעגן ארויסגיין אין מדבר אפילו די גדולי אחרונים, און דער בעל שם טוב, זענען ארויס אין די פעלדער פאר לאנגע וואכן צו זיין אפגעשיידט פון מענטשן. רבי יודל נאווארדאקער האט געהאט צוויי בודקעס באהאלטן אין וואלד, איינס איז געווען וואס קיינער האט נישט געוואוסט פון דעם נאר זיין פרוי, און די צווייטע האט זיין פרוי אויך נישט געוואוסט וואו דאס איז, נאר איין תלמיד, ר' יואל באראנסיק. ער האט געהאט צוויי מדריגות פון התבודדות ווי אזוי ער פלעגט זיך אפשיידן פון מענטשן און מקשר זיך צום אויבערשטן.

זיצט זיך די אשת חיל פון הויז אליינס אין איר קאך. זי האט איר אייגנארטיגע התבודדות שטיבל וואו זי קען זיך מקשר זיין צום אויבערשטן, זי קען הערן תורה'דיגע שיעורים. זי האט א געלעגנהייט צו ווידמען אירע מחשבות אויף פאזיטיווע געדאנקען. וואס געשעט אבער? זי האט עפעס א סכנה'דיגע זאך ארייגעריקט אונטער איר אויער... דעם אנדערן עק צוגעטשעפעט צו איר מויל. זי מעסט די באשטאנדטיילן פון דעם רעצעפט, גיסט געווירצן, אבער איר קאפ איז נישט דערביי, וואס טוט זי מיט איר עסן? וואס וועלן אירע קינדער עסן? שריים פון איר נארישע שמועסערייען? אויפן אנדערן זייט שטייט די זעלבע ליידיגן קאפ, די צוויי מישן אויס זייער ליידיגקייט איינס מיטן אנדערן... ס'איז א טראגעדיע.

דער טעלעפאן האט איינגענומען אונזער קאך. די נשים צדקניות וועלכע זענען אויפגעוואקסן אין ערליכע בתי חינוך, וואו מען האט אריינגעגאסן אין זיי תורה'דיגע השקפות האבן קיינמאל נישט געהאט א געלעגנהייט צו טון עפעס מיט זייערע לימודים. זיי זענען געווען צו שטארק פארנומען צו חזר'ן אויף פארהערן און מאכן היימארבעט. מען האט אריינגעשטופט אין זייער קאפ רמב"ם'ס און כלי יקר'ס. די קאפ איז דערמיט איבערגעפילט און קען זיך נישט קאנצענטרירן ווי אזוי זיך צו מאכן א תורה'דיגן מח. די איינציגסטע דאגה וואס א מיידל האט געהאט איז ווי אזוי צו באקומען א געלונגענע חתן. ענדליך האט זי שוין איר חתן, זי האט שוין איר אייגענע הויז,

זי איז אין איר קאך, זי איז אפגעזונדערט פון דער גאס. פארוואס זאל זי פארשווענדן איר לעבן מיטן רעדן און רעדן ווען זי קען אין דער זעלבע צייט טראכטן און טראכטן...?! אויב זי שפירט א געברויך צו רעדן זאל זי רעדן צום אויבערשטן, נאך אלע מעשיות איז ער דער וואס וועט זיך צוהערן צו איר. די רעדנער אויפן אנדערע זייט טעלעפאן איז נישט נייגעריג איר אויסצוהערן, זי וויל נאר אפזאגן איר שטיקל און פארטיג.

די נשים צדקניות זאלן וויסן אז זיי האבן א געוואלדיגע געלעגנהייט אין זייער קאך. וועט זי זאגן אז ס'איז איר נמאס, אקעי, צומאל ווען די איינזאמקייט פון קאך ווערט איבערגעוועלטיגט קענט איר אויפהייבן א טעלעפאן און טוישן אפאר ווערטער מיט א באקאנטע, אבער רעדן פאר לאנגע שעות איז ארויסגעווארפן צייט. מיט דעם זענט איר מקריב אן ערשט קלאסיגער געלעגנהייט וואס איר קענט אויסניצן פאר אייערט וועגן.

## בלייבן אפגעשיידט

**הייינט** נאכט האבן מיר ארומגערעדט ווי אזוי צו בלייבן אפגעזונדערט פון די פרעמדע השקפות וואס נעמען איין אונזער מח. דאס איז וואס הקדוש ברוך הוא האט אונז געלערנט אין די וואכעדיגע סדרה, אויסצוראטן די כנענים פון דאס לאנד און אויסניצן אונזער צייט און כח אויף צו טון רצון השם, מיט דעם וועלן מיר קענען אנקומען צו אונזער פלאץ אין גן עדן ווען די צייט וועט קומען.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין
און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן
אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט: 845-213-7571
פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
615.680.9029
gilyonosshabbos@gmail.com

*ליינט די גליון יעדע*
*וואך אין די קונטרס*
*"גליונות לשב"ק",*



# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאלה:**
**וויפיל זאל זיך א תורה'דיגער מענטש באציען צו מעדיצינישע טעאריעס און געזונטהייט מיינונגען?**

**תשובה:**

**לויט** וויפיל דער מענטשליכער שכל און פארשטאנד זאגט. דאס איז די מערסטע וואס איך קען זאגן. אויב איז דאס עפעס וואס א געוויסער מענטש האט לעצטנס ערפינדן און אויפגעטראכט, און עס איז נישט אנגענומען לויט די שטודיעס פון מעדעצינישע עקספערטן, דעמאלט פארוואס זאלט איר זיך בכלל קימערן דערוועגן?

**אבער** אויב איז דאס א זאך וואס איז אומעטום אנגענומען, און עס איז פארשטענדליך אזוי אנצונעמען און אויספאלגן, דעמאלט זאלט איר דאס טון.

**און** איך וועל אייך געבן א ביישפיל; רויכערן. היינט צוטאג, די מערהייט פון פארשטענדליכע און אינטעליגענטע מענטשן זאגן, אז רויכערן איז שעדליך און טוט שאטן פאר'ן געזונט. דאס איז אנגענומען און יעדער פארשטייט דאס היינט צוטאג. און אויב א מענטש בלייבט א רויכערער און ער קימערט נישט מיט דאס אלעס, דאן איז ער עובר אויף דאס וואס די תורה זאגט.

**עס** איז קיין פראגע נישט און עס איז א דבר פשוט אז איינער וואס רויכערט היינט צוטאג, ווייסט אז דאס איז נישט גוט, נישט על פי תורה און נישט על פי געזונט, און ווער עס רויכערט איז עובר דערויף.

**דערצו** זענען דא אומוויסנדע מענטשן וועלכע פארשטייען נישט די זאכן, און זיי טראכטן אז דאס וואס זייער טאטע האט געטון איז ריכטיג און דאס וועלן זיי טון. און וויבאלד זייער טאטע האט נישט געוואוסט איבער "באצילן" (דזשערמס), דערפאר מיינען זיי אז זיי קענען אויך טרינקען פון א שמוציג גלעזל.

**יא**, עס זענען פארהאן אזעלכע מענטשן. זיי וועלן טרינקן פון א שמוציגן פאבליק גלעזל וויבאלד זייער טאטע האט דאס אויך געטון און ער האט נישט מקפיד געווען דערויף! און זיי טראכטן: "מיין טאטע האט אויך גערויכערט; פארוואס נישט?" און דער פאקט אז מעגליך איז זייער טאטע געשטארבן פון רויכערן, דאס רעדט נישט צו זיי.

**דאס** הייסט פשוט איגנארירט דעם פאקט און מציאות. אבער די מענטשן וועלכע זענען א טראפקעלע פארשטענדליך דארפן זיין פארזיכטיג צו נעמען און באטראכט די אנגענומענע מעדיצינישע פראטאקאלן אין יעדן מצב געוואנדן לויט'ן אנגענומענעם מציאות.

### נדבת השבוע

לע"נ רבי יוסף ב"ר שמואל - יארצייט כ"ו אב, ת.נ.צ.ב.ה.

- הכרת הטוב -
למשפחת מרדכי וברכה לעווינגער באצירט אלץ אנשי חסד
ולרפו"ש פראדל בת בילא בתושח"י
הונצח ע"י בעלה יחי'

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

בעריכה מיוחדת לקונטרס "גליונות לש"ק"